# אנווייזונגען פאר די פעדעראלע עלעקשאן




It's Our Vote

באזוכט elections.ca פאר די אפיציעלע אינפארמאציע וואס איר דארפט האבן צו שטימען

1-800-463-6868 / elections.ca / TTY 1-800-361-8935

# ווײלערס טשעקליסטע



ביי אײַער באַשטימטע פּאָולינג סטאַנציע **אויפֿן עלעקשאַן טאָג**



ביי אײַער באַשטימטע פּאָולינג סטאַנציע אויף **פּראַוויס פּאָולינג טעג**



ביי סיי וועלכע **עלעקשאַן קאַנאַדע אָפיס** איבער קאַנאַדע (דעדליינס גילטן)



**דורך די פּאָסט**: באַזוכט **elections.ca** געוואָר צו ווערן מער (דעדליינס גילטן)



**מאַכט זיכער איר זענט רעגיסטרירט**
אויף אײַער איצטיגע אַדרעס



האַלט אַן אויג פֿאַר אײַער **וויילער אינפֿאָרמאַציע קאַרטל** אין די פּאָסט



**מאַכט אַ פּלאַן צו שטימען**



ווערט געוואָר **וועגן די קאַנדידאַטן** **זענען** אין אײַער געגענט



**ברענגט מיט אײַער ID** ווען איר גייט שטימען

דער בראָשור איז אַוועילעבל אין פֿאַרשידענע שפּראַכן אויף **elections.ca**.
פֿאַר אַנדערע פֿאָרמאַטן, אַזויווי ברײַל, גרויסע ווערטער און DAISY, רופֿט אונז.

# דאס יאר איז דא א פעדעראלע עלעקשאן

## מאכט זיכער איר זענט רעגיסטרירט צו באקומען א וויילער אינפארמאציע קארטל




**אויב זענט איר רעגיסטרירט**, וועט איר באקומען א וויילער אינפארמאציע קארטל אויף פאסט נאכדעם וואס די וואלן ווערן פאררופן. עס וועט אייך זאגן וואו און ווען איר קענט וועלן. ברענגט מיט דעם קארטל מיט אייך ווען איר גייט שטימען, צוזאמען מיט אן אנגענומענע ID, צו מאכן דעם שטימען פראצעדור גרינגער.

**אויב איר האט נישט קיין קארטל, אדער אויב די אינפארמאציע אויף דעם קארטל איז נישט ריכטיג**, איז מעגליך אז איר זענט נישט רעגיסטרירט אדער קען אייער וויילער אינפארמאציע מעגליך נישט זיין אפ-טו-דעיט. באזוכט **elections.ca** אדער רופט אונז אויף **1-800-463-6868** צו באקוקן און אפדעיטן אייער אינפארמאציע. איר קענט זיך אויך רעגיסטרירן ווען איר גייט שטימען.

---

## זיך צו רעגיסטרירן און צו שטימען אין די פעדעראלע עלעקשאן, מוזט איר:

- זיין א קאנאדישע בירגער
- זיין צום וויניגסטנס 18 יאר אלט אויפן עלעקשאן טאג
- ווייזן אייער אידענטיטעט און אדרעס

# וועגן צו שטימען

**איר קענט שטימען כמעט סיי וועלכע צייט דורכאויס די עלעקשאן טערמין.**
קלויבט אויס די שטימען אפציע וואס ארבעט די בעסטע פאר אייך.

קוקט אויף אייער **וויילער אינפארמאציע קארטל** פאר אייערע וואל טעג, לאקאציעס און צייטן.

**1**

### אויפן עלעקשאן טאג

אייער באשטימטע פאולינג סטאנציע וועט זיין אפען פאר 12 שעה (שעות זענען געוואנדן אין די געגנט)

**2**

### אויף פאראויסדיגע פאולינג טעג

אייער באשטימטע פאולינג סטאנציע וועט זיין אפן פון 9:00 a.m. ביז 9:00 p.m.  אויפ'ן פרייטאג, שבת, זונטאג, און מאנטאג די וואך בעפאר די עלעקשאן טאג.

**3**

### ביי סיי וועלכע עלעקשאנס קאנאדע אפיס דורכאויס קאנאדע

גייט צו סיי וועלכע עלעקשאנס קאנאדע אפיס בעפאר דעם דינסטאג פאר די עלעקשאן טאג אום 6:00 p.m.. איר וועט שטימען נוצענדיג די ספעציעלע שטים-צעטל פראצעדור. נאכדעם וואס די עלעקשאן ווערט פארררופן, באזוכט **elections.ca** אדער רופט אונז געוואר צו ווערן די נענטסטע אפיס צו אייך.

**4**

### דורך פאסט

באזוכט **elections.ca** אדער רופט אונז געוואר צו ווערן מער. דעדליינס גילטן.

# ID צו שטימען

**איר האט דריי אפציעס צו ציי̆גן אייער אידענטיטעט און אדרעס.**

**אפציע 1**



### ציי̆גן איינס פון די סארטן פון ID

- אייער דרייווערס לייסענס
- סיי וועלכע אנדערע קארטל ארויסגעגעבן דורך א קאנאדישע רעגירונג (פעדעראלע, פראווינציאלע/טעריטאריאלע אדער לאקאלע) מיט אייער בילד, נאמען און יעצטיגע אדרעס

**אדער**

**אפציע 2**



+



### ציי̆גט צוויי סארטן ID

ביידע מוזן האבן אייער נאמען און אמווייניגסטנס איינס מוז האבן אייער איצטיגע אדרעס.

**ביישפילן:**

- ווײלער אינפארמאציע קארטל און באנק סטעיטמענט
- יוטיליטי ביל און סטודענט ID קארטל

**איר האט נישט אזוינס? נישט קיין פראבלעם!**

עס איז פארהאן נאך אנגענומענע סארטן ID.
זעט די פולע ליסטע אויף **elections.ca**

**אדער**

**אפציע 3**



+



### אויב איר האט נישט קיין ID

קענט איר נאך אלץ שטימען אויב איר דערקלערט אייער אידענטיטעט און אדרעס שריפטליך און איר האט איינער וואס קען אייך און וואס איז באשטימט צו אייער פאולינג סטאנציע צו וואוטש'ן פאר אייך.

דער וואוטשער מוז קענען ציי̆גן זיין אדער איר אייגענעם אידענטיטעט און אדרעס. א מענטש קען וואוטש'ן בלויז פאר איין מענטש (אויסער אין לאנג-טערמיניגע קעיר אינסטיטוציעס).

# צוגענגליכקייט

**אלע עלעקטארס זענען באשטימט צו פאולינג סטאנציעס פאר די עלעקשאן טאג און די נאכפאלגענדע פאולינג טעג.** נאכדעם וואס די עלעקשאן ווערט פאררופן, מאכט זיכער אז אייער באשטימטע פאולינג סטאנציע קומט נאך אייערע צוגענגליכקייט געברויכן דורך:

- קוקן אויף אייער ווילער אינפארמאציע קארטל;
- ארייגלייגן אייער פאסטעל קאוד אין די ווילער אינפארמאציע סערוויס קעסטל אויף **elections.ca**; אדער
- רופט אונז אויף **1-800-463-6868 אדער 1-800-361-8935 (TTY).**

אויב איר האט זארגן איבער די צוגענגליכקייט פון אייער באשטימטע פאולינג סטאנציע, רופט אונז.

צו פארלאנגען הילף פון פאראויס, ארייגערעכנט שפראך און שטום לשון דאלמעטשונג, רופט די עלעקשאנס קאנאדע אפיס אין אייער געגענט בעפאר דעם דינסטאג פארן עלעקשאן טאג, 6:00 p.m..

---

## שטימען הילף געציג און סערוויסעס אויפן עלעקשאן טאג:

**גרעסערע שטים-צעטל**
מיט קאנדידאטן נעמען
מיט **גרויסע ווערטער**

**פארגרעסערונג גלעזער (4X)**

**גרויס-דרוק**
און **ברעיל ליסטעס**
פון קאנדידאטן

**גרויסע גריף פענסיל**

**טאקטייל און ברעיל**
**שטימען טעמפלעיט**

**הילף מיט באצייכענען**
**אייער שטים-צעטל**

It's Our Vote